# צוויי-שפּראַכיקע דיכטונג : *וואָס שטילקייט האָט באַלויכטן*

## פֿון ירמיהו אַהרן טאַוב

לידער אויף ענגליש, ייִדיש און העברעיִש. 99 זז׳ .Parlor Press, West Lafayette Indiana USA

דאָס צווייטע בוך לידער פֿונעם טאַלאַנטפֿולן דיכטער ירמיהו א. טאַוב איז אַ יוצא-מן-הכלל. דער מחבר פּובליקירט שוין לאַנג זײַנע שאַפֿונגען אין ייִדישע צײַטונגען ווי *"פֿאָרווערטס"* און *"יוגנטרוף"* ; אַמעריקאַנישע צײַטשריפֿטן געבן אַרויס פֿון זײַנע לידער אויף ענגליש און אפֿילו צווי-שפּראַכיקע דיכטונגען זײַנע ווערן אָפּגעדרוקט אין ספּעציאַליזירטע פּאָעזיע-פּובליקאַציעס. הגם זייער ווייניק לידער אין זײַן ערשט ביכל זײַנען געווען אויף ייִדיש, געפֿינען מיר אין *"וואָס שטילקייט האָט באַלויכטן"* אַלע לידער מיט אַ צוויי-שפּראַכיקער איבערדיכטונג. צוויי פֿון די לידער פֿאַרמאָגן אַפֿילו אַן העברעיִשע ווערסיע.

דער פֿאַרמעסט אויף אויסצושליפֿן אַזעלכע 77 תּכשיטים פֿאָדערט אָבער אַז זיי זאָלן זײַן קורץ. אמת, די קרובֿהשאַפֿט צווישן ענגליש און ייִדיש, אַלס גערמאַנישע שפּראַכן, פֿאַרלײַכטערט דעם איבערגאַנג פֿון איין שפּראַך אויף דער צווייטער. דאָך באַשטייען אַלע לידער פֿון ניט מער ווי 5 פֿרײַע פֿערזן אין יעדער שפּראַך. אין זײַן נאָכוואָרט דערקלערט דער פּאָעט די ענלעכקייט פֿון די אָ לידער מיט סקיצן, מיט אַ croquis-צייכענונג. ער האָט געהאַט בדעה אויסצופֿאָרשן אַלע מעגלעכקייטן פֿון אַזאַ קורצער פּאָעזיע-סטרוקטור ווי אויך געבן דעם בוך אַ "וויזועלע בינדיקייט".

דער טיטל פֿונעם גאַנצן ווערק זאָגט שוין אָן וועגן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פֿון די אויפֿגעלויכטענע סיטואַציעס : עס רעדט זיך ווייניק , דער קוקווינקל איז אַן אינטימער, טיילמאָל אַ קריטישער און טאַקע אַמאָל אַן איראָנישער. און דורך בילדערישקייט ווערן די געציילטע ווערטער מער סוגיערירן ווי באַשרײַבן.

דער אָפּקלײַב איז אײַנגעטיילט טעמאַטיש אין פֿיר פֿאַרשיידענע חלקים, וואָס מע וואָלט געקענט אָנרופֿן : מפּלה, משפּחה, ליבע און אָפּשײַן. די אמתע טיטלען זײַנען איידעלער, נאָר אַ סך לענגער. די לידער אַליין האָבן ניט קיין טיטל.

לאָמיר איצטער פּרובירן געבן צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון יעדן חלק מיט אַ בײַשפּיל פֿון יעדערן.

א) דאָס געדיכט נ׳ 3, ז׳ 5, גיט צו פֿילן די שטימונג נאָך אַ פֿאַרלאָרענעם שלאַכט : די בהלה און דעם ייאוש ווערן זעלבסט-פֿאַרשטענדלעך ווי באַלד מיר זעען אַ פֿערד (וואָס זײַן רײַטער איז דערשאָסן געוואָרן) אַרומבלאָנדזשען בשעת קיינער פֿון די באַזיגטע זעלנערגיט ניט קיין אַכטונגג אויף אים :

[דאָס פֿערד] גייט צוריק, בלײַבט שטיין, שוויצט. און אַזוי איז עס געגאַנגען : אַהין און צוריק.
קיינער פֿון דער צוריקטרעטנדער קאַוואַלעריע האָט אים ניט באַרויִקט און ניט מיטגענומען.

ב) געוויינטלעך זײַנען די לידער באַשרײַבעריש ; איין מאָל טרעפֿט זיך אַ מאָנאָלאָג. אין נ׳ 18 ז׳ 21 רעדט אַ מאַמע צו איר זון :

וואָס פֿאַר אַ נסיעה !
נעם אַרויס דאָס ברויט.
גיי איצט אַרויף ; נעם די פֿלוימען מיט.
איך וועל אויסטאָן דאָס שײַטל ...אָט בין איך.
טאַטעלע, דו מוזסט זײַן שטיל.

דער לייענער האָט בײַגעוווינט אַן הומאָריסטישע סצענע ווו עס שאַפֿט זיך ביסלעכווײַז אַ שטאַרקע נאָענטקייט צווישן מוטער און זון. עס ווילט זיך אים לאַכן, קוקנדיק אויף דער מאַמעס קאָפּ אָן איר שײַטל. טאַקע ווײַל די מאַמע וואָרנט אים פֿאַרשטייען מיר, אַז בײַם קינד האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ שמייכל. דאָס איז טאַקע אַ בײַשפּיל פֿון טאַובס רמזימדיקער קונסט.

ג) אינעם דריטן טייל, ווו עס רעדט זיך וועגן גאַרן נאָך ליבע, לערנען מיר וואָס עס טוט זיך אין באַוווּסטזײַן פֿון אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי, און איין מאָל בײַביידן : אין געדיכט 46, ז׳ 51, ווערן דערקלערט פֿונעם פּאָעט-דערציילער ביידע צדדימס טראַכטונגען.

דער פֿײַף פֿונעם לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעזאָגט די אָט-אָטיקייט פֿון זײַן אַראָפּגיין.
זי האָט זיך געפֿרעגט צי אַלץ איז בײַ איר אין אָרדענונג : קליידער צו העל ? צו פֿיל פּערפֿום ?
איר האַרץ האָט געפּרוּווט געפֿינען אַ קרײַז פון שטילקייט.
ער איז אַראָפּ פֿון די טונקעלע רויטע טירן,...,שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און אָפּשאַצנדיק די גרייס

פֿון איר דערוואַרטונג.
און זי האָט פֿאַרשטאַנען אַז זי וועט זיך דאַרפֿן אַליין ראַטעווען.

אויפֿן ווּנק האָט דער מאַנצביל דערשפּירט זײַן סענטימענטאַלן נצחון און אין דער זעלבער רגע פֿילט זיך די פֿרוי נאָך שוואַכער, גלײַכצײַטיק וויל זי זיך ניט נאָכגעבן. דער דאָזיקער בליקן-אויסטויש דויערט ניט מער ווי אַ פּאָר סעקונדעס, נאָר מיר דערגרייכן מיטן דיכטער צו די אינטימע געדאַנקען פֿון די צוויי מענטשן, אַלץ אין שטילקייט. אין אַן אַנדער ליד (**45**, ז׳ **50**) דערמאָנט זיך דער העלד וועגן אַן אַמאָליקער טרעפֿונג, און לעבט איבער נאָכאַמאָל די מאָמענטן פֿונעם ליובען זיך מיט אַן אינערלעכן קאָנפֿליקט צווישן נאָסטאַלגיע און חרטה. אין אַ פּאָר שורות האָבן מיר כמעט דערגרייכט אַ פֿולשטענדיקע פּסיכאָלאָגישע שטעלונג.

ד) אינעם פֿערטן טייל קומען מיר צו צו מער פּאַנטאַסטישע און אַלעגאָרישע בילדער. למשל אין נ׳ **63**, ז׳ **71** טראַכטן מיר גלײַך פֿון אַ שיכּורן נאַראַטאָר צוליב די אויסטערלישע חלומות וואָס ער פֿאַרטרויט אונדז.

נאָך דעם ווי מע האָט פֿאַרמאַכט די שענק בין איך געגאַנגען דורכן לאַנגן געסל,
איבערראַשט צו הערן אַזויפֿיל שטימען :
דער קלינגל פֿון כיכעניש, די געפּרעפּלטע צושטייִקייט.
פֿאַרדולט האָב איך זיך געפֿרעגט וועלכע טיר סאיז מײַנע.
אַלע טירן זײַנען פּלוצעם געוואָרן גרין.

אונדז איז קלאָר אַז טאַוב איז אַ מײַסטער אויסצוצייכענען אין אַ פּאָר שורות די גאַנצע שטימונג פֿון אַ יחיד. ער גיט אונדז שעלות צו פֿאַרענטפֿערן, און מיר פּרובירן עס צו טאָן מיט אונדזער איגענער פֿאַנטאַזיע און לויט אונדזערע פּערזענלעכע איבערלעבונגען. אונדז ווילט זיך פֿאַרלענגערן מיט אַ טרוים די ניט פֿאַרענדיקטע דערציילונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן. טייל מאָל זײַנען די דערמאָנונגען זײַנע זייער פּערזענלעך און עס איז שווער צו געפֿינען אַ דערקלערונג. די באַוועגונג פֿון זײַנע העלדן איז אַ געמאָסטענע, נאָר מיט אַ סך אָנדײַטונגען, און אַזוי קריכן מיר אַרײַן גאָר טיף אין זייער באַוווּסטזײַן, אַמאָל פּעסימיסטיש, אַמאָל אָפּטימיסטיש. מיט חלום און אידעאַל געווינט טאַוב אַ קינצלעכע שלווהדיקייט : גאָלדענע שוואַנען טאַנצן אויף דער באַשפּיגלטער איבערפֿלאַך פֿון אונדזערע צוזאַמען-יאָרן (ז׳ **77**).

בנוגע דער לאַגע פֿון ייִדיש ווי אַ קולטורשפּראַך ווייס ער אַז דער קאַמף איז הײַנט אַ שווערער, נאָר די דערגרייכונג איז אַ ריזעדיקע : אונדזער ליכט צאַנקט אַרײַן אינעם קאָסמאָס (ז׳ **82**). לויט דער הילע וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס רובֿ לידער זײַנען טרויעריקע : אַ שוואַרץ-ווײַסע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ שמאָל געסל ווו דער שטיינערנער ברוק גלאַנצט בײַנאַכט בײַ דער שײַן פֿון אַ גאַסלאָמפּ. פֿון דעסטוועגן פֿעלט נישט קיין הומאָר בײַ טאַובן, מיר געפֿינען אַפֿילו קאָמישע סיטואַציעס אין אַ פּאָר לידער : בשעת זיי האַלטן אין איין ליובען זיך, האָבן צוויי יונגע מענטשן פֿאַרגעסן אין אַלץ : ווי האָבן זיי געקענט וויסן אַז די אויגן פֿון דאָרף האָבן געקוקט אויף זיי ? (ז׳ 52)

דער עיקר לייזט פֿאַר אונדז טאַוב נאָך איין פֿראַגע : צי מוז גליק שטענדיק זײַן אַ פּועל-יוצא פֿון פֿאַרגעסן און ניט-באַוווּסטזײַן ? אַ ייִד קען זיך ניט פֿילן גליקלעך, אויב ער ווייס ניט וואָס טוט זיך אַרום אים אויף דער וועלט. דורך אויספֿורעמען די געוויסן-רעטענישן אין לידער ווערט דער פּאָעט אויסגעלייזט פֿון די ספֿקות וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם מענטשנס לאַגע. און מיט זײַנע לייענער געשעט דאָס אייגענע.

אַז איר וועט זיך אונטערנעמען לייענען *וואָס שטילקייט האָט באַלויכטן*, וועט איר גלײַך האָבן הנאה. דען דאָס ביכל איז פּרעכטיק אַרויסגעגעבן : די שפּראַך איז געוואָרן איבערגעקוקט דורך די בעסטע ייִדיש-מומחים אין דער וועלט און דאָס פּאַפּיר איז פֿון אַ וואַרעמער סמעטענע-קאָליר. דאָס ווערק האָט שוין אַרויסגערופֿן באַגײַסטערטע רעצענזיעס, סײַ פֿון ייִדן, סײַ פֿון ניט-ייִדן. און טשיקאַווע : עס ווילט זיך לייענען די לידער אויף ביידע נוסחאות, ענגליש און ייִדיש. ווען דער לייענער געפֿינט ניט גלײַך דעם ענטפֿער צו דער באַשריבענער סיטואַציע, פּראָבירט ער אַ ווײַלע אויפֿן אַנדערן לשון. דורך דער טאָפּלטער באַלויכטונג דערגרייכט ער אָפֿט צו אַ טאָלק. נאָך עפּעס : די ליבע צו ייִדיש וואָס האָט דערפֿירט צו אַזאַ פּרעכטיק בוך שטאַמט פֿון דער אָרטאָדאָקסישער סבֿיבֿה. ייִדיש איז אַ שפּראַך פֿאַר ייִדן, אַפֿילו אין אירע וועלטלעכע דערשײַנונגען.

בערל ווײַסבראָט